NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12997

SHLOFN VILT ZIKH

Anton Chekhov

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-12997-6

9780657129972T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

זיי גרייט

א. פּ. טשעכאָוו

1. שלאָפן ווילט זיך
2. וואַנקע זשוקאָוו

MICROFORM

№ 1 (11)

א. פ. טשעכאָוו

1. שלאָפנ ווילט זיכ
2. וואַנקע זשוקאָוו

איבערזעצונג אונ פאָררעדע פונ א. האַלדעס

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

№ 1 (11) ביבליאָטעק „זיי גרייט"
אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג

Бібліографічний опис
цього видання вміщено в
„Літописі Україн. Друку",
„Картковому репертуарі"
та інших покажчиках
Українськ. Книжк. Палати

אר. פ. ק. ט.
8-טע רעספובל. פאליגראפפאבריק
כארקאוו, טשערנאוואני ריאדי 25 28

אוקרהויפטליט 4289
באשט. 67 טיראזש 6000
1935

פאראנטווארטלעכער רעדאקטער
פונ דער „זיי גרייט"־ביבליאטעק —
ס. רוזינ
טעכרעדאקטער — וועקסלער
צייכענונגענ — ראדניעוו
קארעקטער — ל. הילער
פאפיר 94 x 62 — 1/32 — 38 קג.
2 דרוק-בויגנ, אינ 1 פאפיר־
בויגנ 96 ס. דרוק־צייכנס
אפגעגעבנ אינ זאצ — 13/I
איבערגעגעבנ אינ דרוק — 9/III

פּאָרעדע

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו איז געבוירן געוואָרן אין 1860־טן יאָר (דעם 17־טן יאַנוואַר לויטן אַלטן סטיל) אין דער שטאָט טאַגאַנראָג. טשעכאָווס פֿאָטער פּאַוול יעגאָראָוויטש האָט געהאַלטן אַ באַקאַליי־קראָם. דער יונגער טשעכאָוו איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קליינבירגער־לעכער הענדלערישער סוויווע. זיין פֿאָטער איז דאַפֿקע געווען זייער אַ טאַלאַנטפֿולער מענטש, באַזונדערס צו מוזיק, ער איז אָבער געווען ביז גאָר פֿאַרדאָרבן, פֿאַנאַטיש־רעליגיעז און דעספּאָטיש באַ זיך אינדערהיים. דעם צוקונפֿטיקן שרייַבער האָט מען געצוווּנגען העלפֿן אין קלייט און איינצייַטיק פֿינקטלעך באַזוכן דעם קלויסטער און אָנטייל געמען אינעם קלויסטער־כאָר. טשעכאָוו האָט זייער פֿרי דערפֿילט דעם ביטערן יאָך פֿון אַמאָליקן לעבן. גענוג איז צו זאָגן, אַז זיין פֿאָטער האָט גערעכנט אים מאַכן פֿאַר אַ סויחער און האָט אים אָפּגעגעבן אין אַ גריכישער פּריוואַטער שול (די גרעסטע סאָחרים אין טאַגאַנראָג זייַנען געווען גריכן, און באַזיצן די גריכישע

שפראַכ האָט געקאָנט צונוץ קומענ אינ דער סאָכרישער וועלט). דאָס איז געווענ א מינ כיידער, ווו עס איז זיכ געווענ שווער עפּעס אויסצולערנענ און ווו די נאַטירלעכע פייִקייטנ פונעם קינד זײַנענ דערשטיקט געוואָרנ. צום גליק איז טשעכאָוו אינ דעם „לערנ־אַנשטאַלט" געווענ ניט מער פונ אַ יאָר, קיינ גריכיש האָט ער זיכ ניט אויסגעלערנט, און זיינ פאָטער האָט אים אָפּגענומענ פונ דאָרטנ.

אינ 1869־טנ יאָר טרעט טשעכאָוו אריינ אינ טאַגאַנראָגער גימנאַזיע, ווו ער לערנט זיכ אינ אַ משך פונ 10 יאָר. אינ דער צײַט קומענ פאָר גרויסע ענדערונגענ אינ זײַנ מישפּאָכע. זײַנ פאָטער ווערט פאַראָרעמט און מוז אַריבערפאָרנ מיט דער פרוי און מיט די קינדער קיינ מאָסקווע, ווו עס געפינט זיכ דער עלטערער זונ אַלעקסאַנדער. אַנטאָנ פאַוולאָוויטש בלײַבט אַפ דרײַ יאָר אַליינ אינ טאַגאַנראָג, קעדיי צו פאַרענדיקנ די בילדונג. ער גיט פריוואַטע לעקציעס פאַר אַ ווינקל און עסנ. ער ווערט שוינ זעלבשטענדיק. אינ דערזעלבער צײַט מאַכט ער די ערשטע ליטעראַרישע פרווונ, ער שרײַבט קליינינקע הומאָריסטישע זאַכנ און שיקט זיי דעם ברודער אַלעקסאַנדער קיינ מאָסקווע אַפ אָפּצודרוקנ אינ הומאָריסטישע זשורנאַלנ.

אינ 1879־טנ יאָר פאָרט טשעכאָוו אַריבער קײַנ מאָסקווע, ווו ער טרעט אריינ אינ מעדיציניש‍נ פאַקולטעט. אינ 1880־טנ יאָר ווערט אָפּגעדרוקט זײַנ ערשטע הומאָריסטישע זאַכ. פונ דעמאָלט אָנ ווערט ער אַפ אַ ריי יאָרנ אַ שטענ־

דיקער מיטאַרבעטער פון פילצאָליקע הומאָריסטישע זשורנאַלן (אַ לאַנגע צײַט אונטערן פסעוודאָנים אַנטאָשאַ טשעכאָנטע). עס איז געווען אין די אַכציקער יאָרן, נאָכן 1881־טן יאָר (נאָכן שאָס אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטן). די שוואַרצע קויכעס פונעם צאַריזם האָבן געבושעוועט, אין הומאָריסטישע זשורנאַלן האָט מען דערלויבט זיך וויצלען בלויז איבער קלייניקייטן, אָבער ניט אויסלאַכן פון דער אָרדענונג. דאָך דאַרף מען זאָגן, אַז אַפילע אין דער ערשטער זאַמלונג טשעכאָווס איז שוין געווען ניט נאָר קיין לײַכטער געלעכטער און וויץ, נאָר ווירקלעכער שפּאָט פונעם פינצטערן רוסישן לעבן.

אין 1884־טן יאָר ענדיקט טשעכאָוו דעם אוניווערסיטעט און פּראַקטיקירט אַלס דאָקטער אין פאַרשיידענע שפּיטאָלן. דאָסזעלביקע יאָר קומט מיט אים פאָר דער ערשטער בלוטשטויס, דער ערשטער אָנזאָג פון דער שווערער קרענק, וואָס האָט אים זייער יונג פאַרווירטיילט צו אַ ספּעציעלן רעזשים פון לעבן און סאָפקאָלסאָף אים אומגעבראַכט.

אין 1886־טן יאָר דערשײַנט טשעכאָווס צווייטע זאַמלונג. וואָס ווײַטער ווערט ער אַלץ מער באַוווסט און באַליבט.

אין 1887־טן יאָר דערשײַנט טשעכאָווס זאַמלונג דערציילונגען „אין דעמערונג“ (‚В сумерках‘). דער נאָמען אַליין שפּיגלט שוין אָפּ דעם אינהאַלט פון דער זאַמלונג. טשעכאָוו מאָלט די פינצטערניש פון די אַכציקער יאָרן, אין פיל דערציילונגען ווײַזט ער די דערשלאָגנקייט און פאַבלווירנקייט פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, די פאַרדומפּנקייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער. דאָס זעלבע

יאָר שרײַבט ער אָנ זײַנ ערשטע פּיעסע „איוואַנאָוו“. פונ די גרעסערע זאַכנ ביזנ 90־טנ יאָר דאַרפ מענ פאַרצייכענענ די גלענצנדיקע דערציילונג „סטעפּ“.

אינ 1890־טנ יאָר פאָרט טשעכאָוו אָפּ אינדזל סאַכאַ־לינ אונ שרײַבט אָנ א גרויס ווערק וועגנ סיביר אונ וועגנ דער שוידערלעכער צאַרישער קאַטאָרגע. דער בוכ האָט געמאַכט א גרויס אײַנדרוק אינ דער געזעלשאַפט, עס איז געווענ א בײַדעטער צייכנ פונ טשעכאָווס אויס־געוואַקסענע געזעלשאַפטלעכ־פּאָליטישע אינטערעסנ. אינ 1892־טנ יאָר באַזעצט זיכ טשעכאָוו אינ מעליכאָוו (לעבנ סערפּוכאָוו), וווּ ער וווינט ביזנ 90־טנ יאָר, אָפּפאָרנדיק פונ צײַט צו צײַט קיינ מאָסקווע אינ פּעטערבורג אונ אויכ קיינ קרים, אפ קאַווקאַז אינ קיינ אויסלאַנד (זיכ היילנ). די יאָרנ אינ מעליכאָוו זיינענ שעפעריש, די סאמע פּראָדוקטיווע אינ טשעכאָווס לעבנ. אינ די יאָרנ שרײַבט ער אָנ פיל פונ זײַנ בעסטע ווערק (דערציילונגענ אונ פּיעסעס), וואָס זײַנענ אַרײַנ אינ אויי־צער פונ דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור. צווישנ אַנדערע שרײַבט ער אָנ א ריי זאַכנ, וווּ עס ווערט באַוויזנ די לאַגע אינ דאָרפ, די אינטערדריקונג פונ דער אָרעמשאַפט אונ פונעם „קליינעם מענטשעלע“ ביקלאַל. ער שילדערט ריכטיק, ווי עס ווערט צעפאַלנ די אַלטע פּרי־צישע ווירטשאַפט, ווי דער קאַפּיטאַליזמ ווערט די הויפּט־קראַפט אינ דאָרפ. אינ פיל פונ זײַנע ווערק מאָלט ער אינ סאַטירישע שטריכנ, מיט ווייי אונ פאַרדראָס, ווי אזוי

אין דער געזעלשאַפט פון עקספּלואַטאַציע און רויב ווערט דערנידעריקט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. טשעכאָוו טרעט ארויס פאַר פאַרשפּרייטן קולטור צווישן די מאַסן, פאַר שול־בויונג. ער איז קעגן דער רעכטלאָזיקייט, קעגן דער זעלבסטהערשונג. וווינענדיק אין מעליכאָוו, נעמט טשע־כאָוו אויך זייער אַן אַקטיווען אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין בויען פאָלקס־שולן, אין קאַמף מיט עפּידעמיעס, אין דער מעדיצינישער אַרבעט א. א. וו. ער איז אָבער נישט קיין אָנהענגער פון א רעוואָלוציע. ער איז אפילע זיכער, אַז קיין רעוואָלוציע וועט אין רוסלאַנד נישט זיין, די ליכטיקע צוקונפט זעט ער ערשט אין הונדערטער יאָר ארום; ער פאַרשטייט נישט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קעמפט שוין פאַר דער דאָזיקער צוקונפט און וועט זי גאָר גיך אויסקעמפן.

אין 1898־טן יאָר הייבט זיך אָן טשעכאָווס דערנעענ־טערונג מיטן מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער (איצט מאָס־קווער אקאַדעמישער טעאַטער אין נאָמען פון מ. גאָרקי). ער שרייבט פאַרן טעאַטער א ריי פּיעסעס („דריי שוועסטער", „דיאַדיא וואַניאַ", „דער ווישנע־גאָרטן") און ווערט דער דראַמאַטורג, וואָס באַשטימט דעם שעפערישן וועג פון דעם טעאַטער. דאָס זעלבע יאָר פאָרט טשעכאָוו אריבער קיין יאַלטע, וווּ ער וווינט שוין כמעט ביזן טויט.

אין 1900־טן יאָר ווערט טשעכאָוו אויסגעוויילט פאַר אַן ערן־אקאַדעמיקער לויט דער אָפּטיילונג פון שיינער ליטעראַטור. אין 1902־טן יאָר זאָגט ער זיך אָפּ פון דעם־דאָזיקן טיטול אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די צאַרישע

רעגירונג האָט ניט באַשטעטיקט מ. גאָרקין, פאַר קיין אַקאַדעמיקער.

טשעכאָווס געזונט־צושטאַנד ווערט אַלץ ערגער און ערגער, ער איז צוגעשמידט צו יאַלטע, דער טובערקוליאָז פּראָגרעסירט אַלץ מער און מער. אין מיי 1904־טן פאָרט ער אָפּ קיין מאָסקווע און פונדאָרטן — קיין דייטשלאַנד אָפּ א קוראָרט. דעם 2־טן יולי באַנאַכט איז טשעכאָוו געשטאָרבן. זיין קערפּער איז געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע, וווּ עס איז פאָרגעקומען די לעווייַע דעם 9־טן יולי בא א פילטוריזנטקעפּיקן אוילעם.

טשעכאָוו, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט אויך געשריבן וועגן דאָרף. אין אַזעלכע ווערק, ווי „Степь“ „Мужики“, „Свирель“ און אַנדערע ווערט ריכטיק געשילדערט די לאַגע אין דאָרף אין 80־90־טער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. ניט זייענדיק קיין מאַרקסיסט, האָט טשעכאָוו דאָך ווי אַ קינסטלער באַוויזן די קלאַסן־דיפערענציאַציע אין דעמאָלטדיקן דאָרף, דעם וווקס פונעם באַלעגופּנטום, דעם כאַפּישן רויבערישן פאַרצעפּ פונעם באַלעגופּ, דאָס פאַראָרעמט ווערן פונעם פּויערטום. די צוויי דערציילונגען, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם ביכעלע, געהערן צו טשעכאָווס בעסטע ווערק. אין זיי ווערט באַוויזן, ווי אַזוי די אָרעמע פּויערשע קינדער, וועלכע קומען אין שטאָט אַריין, ווערן אונטערדריקט און עקספּלואַטירט.

מיט גרויס צאַרטקייט אונ ווייטיק ווערט געמאָלט דאס פויערשע יינגל וואַנקע, וועלכער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָנ אינ דאָרפ אונ האָט געמוזט אָנקומענ אַרבעטנ אינ שטאָט צו אַ קליינעמ אונטערנעמער אַ שוסטער. מיר ווייסנ גאַנצ גוט, אַז אינ די קליינע קוסטאַרישע אונטערנעמונגענ איז די עקספּלואַטאַציע באַזונדערס גרויס געווענ. ווערק וועגנ דעמ האָבנ מיר אויכ אינ דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור (מענדעלע). טשעכאָוו ווענדט אָנ זייער א אינטערעסאַנט מיטל, קעדיי צו באַווייזנ וואַנקעס לעבנ. וואַנקע שרייבט אַ בריוו. פונ דעמ בריוו דערוויסט איר זיכ, ווי אַזוי ער ווערט דערניזעריקט אונ מאַמעש געטראָטנ מיט די פיס. איינצייטיק ווייזט אייכ טשעכאָוו זיינ אומבאַהאָלפנקייט אינ דער גרויסער שטאָט, וואַנקע שרייבט אָנ דעמ אַדרעס „אינ דאָרפ אַריינ דעמ זיידנ”, אונ מיינט, אַז זיינ רופ נאָכ הילפ וועט דערהערט הערנ. טשעכאָוו שטרייכט אונטער דערמיט זיינ עלנטקייט, די אויסוועגלאָזיקייט פונ זיינ לאַגע.

אינ דער דערציילונג „שלאָפנ ווילט זיכ” האָבנ מיר אויכ אַ שילדערונג פונ קינדערשער עקספּלואַטאַציע. דאָ ווערט שוינ ברייטער באַוויזנ, וואָס האָט געשטויסנ וואַרקענ אינ שטאָט אַריינ (דערמאָנט זיכ די סצענע פונ איר פאָטערס טויט). אויסערגעוויינלעכ שטאַרק מאָלט טשעכאָוו וואַרקעס „טאָג אונ נאַכט”, וואָס טיילנ זיכ, אייגנטלעכ, ניט אָפ איינס פונ אַנדערנ. עס מאַכט אַנ איינדרוק, אַז וואַרקע איז אַריינגעפאַלנ צווישנ ציינער פונ אַ ראָד,

וועלכע צעמאָלנ זי אומבעראַכמאָנעסדיק. עס איז שווער צו פאַרגעסנ וואַרקעס כאָלעמ, ווי אַזוי זי מיט דער מאַמענ אירער פּעלאַגייענ און מיט פיל אַנדערע מענטשנ, וואָס טראָגנ זעקלעכ אַפ די פּלייצעס, גייענ אַפ אַ בלאָטיקנ שאָסיי און פאַלנ אינ בלאָטע אריינ מידע און שלעפעריקע. וואַרקע איז אַפ אַזויפיל אויסגעמוטשעט. זי בענקט אַזוי נאָכ עטלעכע שאַ רויִקנ שלאָפ, אַז אַלע אירע נעפלדיקע זעונגענ דרייענ זיכ אַרומ דעמ טרוימ: שלאָפנ. סאָפקאַל־סאָפ קומט זי אינ אַ צושטאַנד פונ פאַרלירנ דעמ זינענ, זי וויל פּאַקנ דעמ שילדיקנ, וואָס לאָזט זי ניט שלאָפנ; ניט לויט אירע יאָרנ, ניט לויט איר אַנטוויקלונג, איז זי ניט בעקויעכ צו באַנעמענ, ווער עס איז איר ווירקלעכער קלאַסנסוינע. זי געפינט די נאָענטסטע סיבע, וואָס לאָזט זי ניט פאַרמאַכנ די אויגנ, דאָס אומשולדיקע קינד, און דערשטיקט עס. אַזוי ווערט די קליינינקע וואַרקע, אינ די באַדינגונגענ פונ אומענטשלעכער עקספּלואַטאַציע, דערפירט צו אַ פאַרברעכנ.

* *

אינ יאַנוואַר 1935־טנ יאָר איז געוואָרנ 75 יאָר זינט טשעכאָוו איז געבוירנ געוואָרנ. דידאָזיקע דאַטע איז ברייט באַצייכנט געוואָרנ אינ ראַטנפאַרבאַנד. די אַרבעטנדיקע פונ אונדזער סאָציאַליסטישנ פאָטערלאַנד יארשענענ דאָס בעסטע, וואָס איז געשאַפנ געוואָרנ אינ

דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, זיי נעמען אויך איבער די אויצרעס פון דער ליטעראַטור. —

טשעכאָוו איז איינער פון די גרעסטע נאָוועליסטן (דער־ציילערס) אין דער וועלט־ליטעראַטור. אין צענדליקער דער־ציילונגען האָט ער ריכטיק געשילדערט דאָס רוסישע לעבן פון סאָף פאַריקן יאָרהונדערט, ער האָט אויסגעלאַכט די נישטיקייט און קליינלעכקייט פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ; ער האָט געשאַפן א גאַנצע געשטאַלטן־גאַלעריע פון „מענטשן אין פוטליאַרן"; ער האָט באַוויזן, ווי אַזוי אַלץ, וואָס איז אינטערעסאַנט און שעפעריש, ווערט דערשטיקט אין די באַדינגונגען פון צאַרישן רוסלאַנד; ער האָט שטענדיק געהאַסט שמאָלקעפּי־קייט, באַגרענעצטקייט, ליגן, [illegible]־ראַזיקייט; ער האָט גע־טרוימט וועגן ווירקלעכער קולטור, וועגן מענטשלעכער וויר־דע, וועגן אַ שיינער גאָלדענער צוקונפט. די דאָזיקע צוקונפט איז געקומען אַסאַך גיכער, ווי טשעכאָוו האָט זיך פאָרגעשטעלט.

אונדזער לאַנד, וווּ עס ווערט געבויט א נייע סאָציאַליסטישע קולטור פאַר מיליאָנען, וווּ אַלע אַר־בעטנדיקע האָבן די פולסטע מעגלעכקייט שעפעריש צו וואַקסן, וווּ עס איז שוין רייף דער סאָציאַליסטישע היינט און וווּ עס ווערט געגרייט דער קאָמוניסטישער מאָרגן, איז טייער און באַליבט דער אָנדענק פון אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו. זיינע ווערק העלפן אונדז דערקענען די פאַרגאַנ־גענהייט, זיי לערנען אונדז האַסן דעם פינצטערן נעכטן. זיי דינען אונדז אינעם קאַמף קעגן די לעצטע רעשטן פון אַמאָל.

שלאָפן ווילט זיך

נאכט. די ניאנקע וואַרקע, א מיידעלע פון א יאָר דרײַצן, וויגט די ליולקע, אין וועלכער עס ליגט א קינד, און מרוקעט, קוים וואָס מע הערט:

באיר־באיושקי, בײַ,
כ'זינג א לידעלע דערבײַ!

פאר דער איקאָנע ברענט א גרינע לאמפּאדקע; איבערן גאנצן צימער פון ווינקל צו ווינקל ציט זיך א שטריק, אף וועלכן עס הענגען ווינדעלעך און א פּאָר גרויסע שווארצע פּלודערן. פון דער לאמפּאדקע פאלט אף דער סטעליע א גרויסער גרינער פלעק. די ווינדעלעך און די פּלודערן ווארפן לאנגע שאָטנס אפן אויוון, אפן דער ליולקע, אף וואַרקען... ווען די שײַן פון דער לאַמפּאַדקע הייבט אָן צו שווינדלען, לעבן אויף דער פלעק און די שאָטנס און קומען אין באַוועגונג, ווי פון א ווינט. עס איז דושנע, ס'שמעקט מיט באָרשטש און מיט שוסטערשן דאָקלעד.

דאָס קינד וויינט. עס איז שוין לאנג הייזעריק און אָן קויכעס געבליבן פון געוויין, נאָר עס שרײַט נאָך אלץ, און מע ווייסט ניט, ווען וועט עס שטיל ווערן.

און וואַרקע ווילט זיך שלאָפֿן. אירע אויגן קלעפּן זיך, דער קאָפּ ציט צו דר'ערד, דער האַלדז און אַקסל טוט וויי. זי קאָן ניט טאָן קיין ריר ניט מיט די ברעמען, ניט מיט די ליפּן, און איר דוכט זיך, אַז איר פּנים איז אויסגעטריקנט און פֿאַרהילצערט געוואָרן, אַז איר קאָפּ איז אַזוי קליין געוואָרן, ווי אַ שפּילקע־קעפּל.

— באַיו־באַיו באַ־יושקי — מורקעט זי, — כ'וועל דיר אָפּקאָכן אַ קאַשקע...

אין אויוון שרײַט אַ גריל. אינעם צווייטן צימער, פֿון יענער זײַט טיר, כראָפּען אונטער דער באַלעבאָס און דער לערניינג אַפֿאַנאַסי... די ליולקע סקריפּעט אַזוי קלאָגעוודיק. וואַרקע אַליין מורקעט, און דאָס אַלץ גיסט זיך צונויף אין אַ באַנאַכטיקער פֿאַרוויגנדיקער מוזיק, וואָס עס איז אַזוי מעכײַע זיס זי צו הערן, ווען דו לייגסט זיך אַרײַן אין בעט.

איצט אָבער רייצט נאָר די דאָזיקע מוזיק און זי דריקט, ווײַל פֿון איר פֿאַלט אָן אַ דרימל, און שלאָפֿן טאָר מען ניט. אויב וואַרקע וועט גאָט־באַהיט אַנטשלאָפֿן ווערן, וועלן זי די באַלעבאַטים שלאָגן.

די שײַן פֿון דער לאָמפּאַדקע שווינדלט. דער גרינער פֿלעק און די שאָטנס קומען אין באַוועגונג, זיי קריכן אין וואַרקעס האַלב־אָפֿענע אומבאַוועגלעכע אויגן, און אין איר האַלב־אײַנגעשלאָפֿענעם מאַרך ווערן געבוירן נעפּלדיקע זעונגען. זי זעט טונקעלע וואָלקנס, וועלכע יאָגן זיך איינער נאָכן אַנדערן איבערן הימל און שרײַען

ווי א קינד. נאָר אָט האָט א בלאָז געטאָן א ווינט, די וואָלקנס זיינען ניט געבליבן, און ווארקע זעט א ברייטן שאָסיי באדעקט מיט שיטערער בלאָטע. איבער דעם שאָסיי ציִען זיך אָבאָזן, שלעפּן זיך מענטשן מיט זעק־לעך אויף די פּלייצעס, טראָגן זיך הין און צוריק עפּעס מינע שאָטנס. פון ביידע זייטן שאָסיי, דורך דעם קאַלטן שטרענגן נעפּל, זעען זיך ווילדער. פּלוצים פאַלן די מענטשן מיט די זעק אויף די פּלייצעס און מיט די שאָ־טנס אויף דער ערד, אין דער שיטערער בלאָטע אַריין, —

„צו וואָס טוט מען עס אַזוי?“ — פרעגט ווארקע. — „שלאָפן, שלאָפן!“ — ענטפערט מען איר, און זיי שלאָפן איין פעסט מיט א זיסן שלאָף, און אויף די טעלעגראַפ־דראָטן זיצן די וואָראָנעס און די סאָראָקעס, זיי שרייען ווי דאָס קינד און סטארען זיך זיי אויפוועקן.

— באיר־באיושקי־ביי, כ׳זינג א לידעלע דערביי... מרור־קעס ווארקע און זי זעט זיך שוין אין א פינצטער דושנעם שטיבל.

אויף דער פּאָדלאָגע ריגעוועט זיך איר פּאָטער יעפים סטעפּאַנאָוו. זי זעט אים ניט, נאָר זי הערט, ווי פון ווייטיק קייקלט ער זיך איבער דער פּאָדלאָגע און קרעכצט... עס האָבן זיך בא אים „צעשפּילט די געדער־רים“. — ווי ער אליין זאָגט. דער ווייטיק איז אַזוי גרויס, אַז ער קאָן ניט אויסריידן קיין איין וואָרט, ער ציט נאָר אַריין אין זיך די לופט און פּניקט דריבנע מיט די ציין:

— בו־בו־בו־בו...

די מאַמע פֿעלאַגייע איז אַוועקגעלאָפֿן אין הויף אַרײַן צו די פּריצים, זאָגן, אַז יעפֿים שטאַרבט. זי איז שוין פֿונלאַנג אַוועק, עס איז צײַט, זי זאָל זיך שוין אומקערן. וואַרקע ליגט אויפֿן אויוון, זי שלאָפֿט ניט און הערט זיך צו צום פּאַטערס „בר־בו־בו", נאָר אָט הערט מען, ווי עמעצער איז צוגעפֿאָרן צו דער שטוב. דאָס האָבן די פּריצים צוגעשיקט דעם יונגן דאָקטער, וואָס איז געקומען צו זיי צוגאַסט פֿון שטאָט. דער דאָקטער איז אַרײַן אין שטוב. מע זעט אים ניט אינדערפֿינצטער, נאָר מע הערט, ווי ער הוסט און קנאַקט מיט דער טיר.

צינדט אָן פֿײַער, — זאָגט ער.

בר־בו־בו... — ענטפֿערט יעפֿים.

פֿעלאַגייע טוט זיך אַ וואָרף צום אויוון און הייבט אָן צו זוכן דאָס שוועבל מיט די שוועבעלעך. עס גייט אַריבער אַ רגע אין שטילשווײַגן. דער דאָקטער זוכט אין די קעשענעס און צינדט אָן זײַנס אַ שוועבעלע.

באַלד, פּאַטערל, באַלד, — זאָגט פֿעלאַגייע. זי לויפֿט אַרויס פֿון שטוב און קערט זיך באַלד אום צוריק מיט אַ שטיקל ליכט.

די באַקן בײַ יעפֿימען זײַנען רויז, די אויגן גלאַנצן, און זײַן בליק איז עפּעס באַזונדערס שאַרף, גלײַך ווי ער זעט אַ דורך־און־דורך סײַ די שטוב, סײַ דעם דאָקטער.

— נו, וואָס? וואָס האָט זיך דיר אזוינס פארגלוסט? — זאָגט דער דאָקטער, אָנבייגנדיק זיך צו אים — עהע! ס'איז שוין לאנג בא דיר אזוי?

— וואָס, הא? געקומען די צייט... שטארבן, וואשע בלאהאראָדיע, א סאָף צו מיין לעבן...

— פוסטע מייסעס... מיר וועלן אויסהיילן!

— ווי איר ווילט אייך, וואשע בלאהאראָדיע. א גרויסן דאנק אייך, נאָר מיר פארשטייען אזוי... אויב דער טויט איז געקומען, איז וואָס איז דאָ צו ריידן.

דער דאָקטער פאָרעט זיך אקעגן א פערטל שאָ מיט יעפימען, דערנאָך הייבט ער זיך אוף און זאָגט:

— איך קען גאָר ניט אופטאָן... דו מוזסט פאָרן אין שפיטאָל... דאָרט וועט מען דיר מאכן אן אָפעראציע... פאָר זשע גלייך. . אומבאדינגט פאָר! שוין שפעטלעך. אין שפיטאָל שלאָפן שוין אלע, נאָר עס מאכט ניט אויס, איך וועל דיר געבן א צעטעלע, הערסט?

— פאָטערל, אפ וואָס־זשע וועט ער פאָרן? — זאָגט פעלאגייע — מיר האָבן ניט קיין פערד.

— נישקאָשע, איך וועל בעטן די פריצים, וועלן זיי געבן א פערד.

דער דאָקטער גייט אוועק, די ליכט לעשט זיך, און ווידער הערט מען: „בו־בו־בו", אין א האלבער שאָ ארום פאָרט עמעצער צו צו דער שטוב. דאָס האָבן די פריצים געשיקט א פור אפ צו פאָרן אין שפיטאָל. יעפים קלייבט זיך אין וועג און פאָרט...

ײַ־ אָט איז א שיינער קלאָרער פרימאָרגן. פּעלאַ־ גייע איז ניטאָ אינדערהיים; זי איז אוועק אין שפּיטאָל זיך דערוויסן, וואָס מאַכט יעפּים. ערגעץ וויינט א קינד. און וואַרקע הערט, ווי עמעצער זינגט מיט איר שטים:

— באַיו־באַיושקי־באַיו, כיזינג א לידעלע דערבײַ.

עס קערט זיך אום פּעלאַגייע, זי ציילעמט זיך און שעפּטשעט:

— באַנאַכט האָט מען אים אײַנגעפּראַוועט, און פאַר־טאָג־צו האָט ער גאָט די נשמה אָפּגעגעבן... א ליכ־טיקן גאַניידן זאָל ער האָבן... זיי זאָגן, שפּעט געכאַפּט זיך, געדאַרפט געווען פריער.

וואַרקע גייט אין וואַלד און וויינט דאָרט, נאָר פּלר־צים שלאָגט זי עמעצער איבער דער פּאָטיליצע מיט אזא קראַפט, אז זי שטויסט זיך אָן מיטן שטערן אין א בעריאָזע. זי הייבט אויף די אויגן און דערזעט פאַר זיך דעם באַלעבאָס, דעם שוסטער.

— וואָס איז דאָס, פאַרשיוועץ? — זאָגט ער — דאָס קינד וויינט, און דו שלאָפסט?

ער רײַסט זי שטאַרק פאַרן אויער, סע טוט איר וויי. זי טוט א טרייסל מיטן קאָפּ, וויגט די ליולקע און מרוקעט איר לידל. דער גרינער פּלעק און די שאָטנס פון די פּלודערן און פון די ווינדעלעך וואַקלען זיך, ווינקען צו איר. און באַלד באַהערשן זיי ווידער איר מאַרך, ווידער זעט זי א שאָסיי באַדעקט מיט שיטע־

רער בלאָסטע, מענטשן מיט זעקלעך אפּ די פּ[illegible] און שאַנס האָבן זיך צעלייגט און שלאָפן שטאַרק. קוקנדיק אָפּ זיי, ווילט זיך וואַרקען לײדנשאַפטלעך שלאָפן, זי וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך אוועקגעלייגט, נאָר די מאַמע פעלאַגייע גייט בא דער זײַט און יאָגט זי אונטער. ביידע אײַלן זיי זיך אין שטאָט אַרײַן פאַרדינגען זיך.

— שענקט א נעדאָווע! — בעט די מאַמע בא די פאַרבײַגייער — טוט א כעסעד פון גאָט, גוטע מענטשן!

— גיב אהער דאָס קינד! — ענטפערט איר עמעצנס א באַקאַנטע שטים, גיב אהער דאָס קינד! כאָטש איבער דיזעלביקע שטים, נאָר שוין אין קאַעס און שאַרף, — שלאָפסט, פּאַסקודע?

וואַרקע שפּרינגט אויף, קוקט זיך אַרום און פאַרשטייט ניט, וואָס קומט דאָ פאָר: ניט קיין שאָסיי, ניט פעלאַגייע, ניט קיין פאַרבײַגייער, נאָר אינמיטן צימער שטייט בלויז די באַלעבאָסטע, וועלכע איז געקומען אָנזויגן איר קינד. ביזוואַנען די גראָבע ברייטפּלייציקע באַלעבאָסטע זויגט און שטילט אײַן דאָס קינד, שטייט וואַרקע דערווײַל, קוקט אויף איר און וואַרט, ווען זי וועט ענדיקן, און פון יענער זײַט פענצטער איז די לופט שוין בלוי, די שאָטנס און דער גרינער פלעק אפּ דער סטעליע ווערן קענטיק בלאַסער. עס איז שוין באַלד טאָג.

— נעם צו! — זאָגט די באַלעבאָסטע, פאַרשפּיליענדיק דאָס דאָס העמד אפּ דער ברוסט. — סע וויינט, מיסטאַמע אן אײַנהאָרע.

װאַרקע נעמט דאָס קינד, לייגט עס אין ליולקע אַרײַן און הייבט װידער אָן צו װיגן. דער גרינער פּלעק און די שאָטנס בלײַבן ניט באַשלעכטיקן, און עס איז שוין נינאַ, װער ס׳װאָלט איר קריכן אין קאָפּ אַרײַן און פֿאַרנעפּלען דעם מאַרך. און שלאָפֿן װילט זיך װי פֿריער. א שרעק װי עס װילט זיך שלאָפֿן! װאַרקע לייגט אַװעק דעם קאָפּ אױפֿן ברעג פֿון דער ליולקע און װיגט זיך מיטן גאַנצן קערפּער, כּדי צו באַקעמפֿן דעם שלאָף, אָבער די אױגן קלעפּן זיך פֿאַרט, און דער קאָפּ איז שװער.

— װאַרקע, הײַנט אײַך די הריבע! — ניט א קלינג פֿון יענער זײַט טיר דעם באַלעבאָס שטים.

הייסט עס, שוין צײַט אױפֿשטיין און זיך נעמען צו דער אַרבעט. װאַרקע לאָזט איבער די ליולקע און לױפֿט אין קאַמער נאָך האָלץ, זי איז צופֿרידן. אַז דו לױפֿסט און גייסט, גלױבסט זיך שוין ניט אַזױ שלאָפֿן, װי זיצנדיקערהייט. זי ברענגט האָלץ, הייצט די הרובע און פֿילט, װי עס גלײַכט זיך אױס איר פֿאַרהילצערט פּנים, און װי עס לײַטערן זיך אױס די געדאַנקען.

— װאַרקע, שטעל דעם סאַמאָװאַר! שרײַט די באַלעבאָסטע.

װאַרקע האַקט אָן שפּענדלעך. נאָר קױם װאָס זי באַװײַזט זיי אָנצינדן און אַרײַנלייגן אין סאַמאָװאַר, הערט זיך שוין א נײַער באַפֿעל:

װאַרקע, רייניק אָפּ דעם באַלעבאָס קאַלאָשן!

זי זעצט זיך אָפּ דער פּאָדלאָגע, רײַניקט די קאַלאָשן און טראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען אַרײַנצושטעקן דעם קאָפּ אין אַ גרויסן טיפֿן קאַלאָש און אַ דרימל טאָן אין אים אַביסל... און פּלוצים וואַקסט דער קאַלאָש, ער ווערט געשוואָלן און פּאַרפּולט מיט זיך דעם גאַנצן צימער. וואַרקע לאָזט פֿאַלן דאָס בערשטל, זי גיט אָבער טײַקעף אַ טרייסל מיטן קאָפּ, סטאָרטשעט אויס די אויגן און סטאַרעט זיך קוקן אַזוי, אַז די זאַכן אַרום איר זאָלן ניט וואַקסן און זיך ניט באַוועגן פֿאַר אירע אויגן.

— וואַרקע, וואַש אָפּ די טרעפּ אינדרויסן, ס'איז אַ בזיון פֿאַר די קונדן!

וואַרקע וואַשט די טרעפּ, ראַמט די צימערן, דערנאָך הייצט זי די צווייטע הרובע און לויפֿט אין קלייטל. אַרבעט איז דאָ אַסאַך, עס בלײַבט ניט קיין פֿרײַע מינוט.

אָבער קיין זאַך איז אַזוי ניט שווער, ווי שטיין אויף איין אָרט באַם קיך־טיש און שיילן קאַרטאָפֿל. דער קאָפּ ציט צום טיש, די קאַרטאָפֿל שווינדלען אין די אויגן, דאָס מעסער פֿאַלט פֿון די הענט, און דערבײַ גייט אַרום אַ גראָבע בייזע באַלעבאָסטע מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל און רעדט אַזוי הויך, אַז סע קלינגט אין די אויערן. פֿײַנלעך איז אויך באַדינען באַם וואַרמעס, וואַשן, נייען. עס טרעפֿן מינוטן, ווען עס ווילט זיך, אָפּ גאָרניט ניט קוקנדיק, אַ וואַלגער טאָן זיך אָפּ דער פּאָדלאָגע און שלאָפֿן.

דער טאָג גייט אדורכ. זעענדיק, ווי עס ווערן טונקעלער די פענצטער, דריקט ווארקע די שלייפן, וואָס זײַנען שוין באלד ווי הילצערנע, און שמייכלט, אליין ניט ווײסנדיק פארוואָס. די אָוונט-טונקלקייט גלעט אירע אויגן, וואָס קלעפן זיכ, און זאָגט איר צו א גיכן, שטארקן שלאָף. אפדערנאכט קומען צו די באלעבאטים געסט.

— ווארקע, שטעל דעם סאמאָוואר! — שרײַט די באלעבאָסטע.

דער סאמאָוואר איז א קליינינקער, און ביז די געסט טרינקען זיכ אָן מיט טיי, קימט אים אויס צו דערווארעמען א מאָל פינף. נאָכ דער טיי שטייט ווארקע א גאנצע שעה אַף איין אָרט, קוקט אף די געסט אוןווארט אַף באפעלן:

— ווארקע, כאפ ארײַן דרײַ פלעשער ביר!

זי טוט זיכ א ריס פונעם אָרט און סטארעט זיכ לויפן גיכער, קעדיי צו פארטרײַבן דעם שלאָף.

— ווארקע, לויף אראָפ נאָכ בולקעס! ווארקע, ווו איז דער גרײַצער? ווארקע, רייניק אָפ א הערינג!

נאָר אָט זיינען, ענדלעכ, די געסט אוועקגעגאנגען, די שײַן איז אויסגעלאָשן, די באלעבאטים לייגן זיכ שלאָפן.

— ווארקע, וויג צו דאָס קינד! — דערהערט זיכ דער לעצטער באפעל. אין אויוון שרײַט דער גריל. דער גרינער פלעק אף דער סטעליע און די שאָטנס פון די פלודערן און פון די ווינדעלעכ קריכן ווידער אין וואר-

קעס האלב־אָפענע אויגן, זיי ווינקען און פארנעפלען איר דעם קאָפּ.

— באיר־באיושקי־ביַי, — מרוקעט זי. — כ'זינג א לידעלע דערביַי.

און דאָס קינד שרייַט און בלייַבט אָן קויכעס שרייַענדיק. ווארקע זעט ווידער א בלאָטיקן שאָסיי, מענטשן מיט זעקלעך, פעלאגייען, דעם כאַבן יעפימען. זי פארשטייט אלץ, זי דערקענט אלעמען. נאָר איר דרימל קאָן זי בעשומויפן ניט באנעמען די קראפּט, וואָס שמידט אירע הענט און פיס, וואָס דריקט זי און שטערט איר לעבן. זי קוקט זיך ארום, זי זוכט דידאָזיקע קראַפט, קעדיי פאָטער צו ווערן פון איר, נאָר זי געפינט זי ניט. אן אויסגעמאטערטע, שטרענגט זי סאָפקאָלסאָפּ אָן אלע אירע קויכעס און די ריע, זי קוקט ארופ אפ דעם ווינקענדיקן גרינעם פלעק און, צוהערנדיק זיך צום געשריי, געפינט זי דעם סוינע, וואָס שטערט איר לעבן.

דערדאָזיקער סוינע איז דאָס קינד.

זי לאכט. סע קומט איר אויס וואונדערלעך, ווי האָט זי עס פריער ניט געקענט פאַרשטיין אַזא קלייניקייט? דער גרינער פלעק, די שאָטנס און דער גריל, דוכט זיך, לאכן אויך און וואונדערן זיך.

א פאלשע פאָרשטעלונג באַהערשט ווארקען. זי שטייט אופ פון טאבורעט און, ברייט שמייכלענדיק, ניט פינטלענדיק מיט די אויגן אַפילע, גייט זי זיך דורכ איבערן צימער. איר איז אנגענעם און עס קיצלט זי

פונעם געדאנק, אז באלד וועט זי פּאָסער ווערן פונעם קינד, וואָס שמידט אירע הענט און פיס: טוישן דאָס קינד, און דערנאָך שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן...

לאַכנדיק, ווינקענדיק צום גרינעם פלעק אין דראָענ־דיק אים מיט די פינגער, גאַנוועט זיך וואַרקע אונטער צו דער ליולקע און בייגט זיך—אָן צום קינד. נאָכ־דעם, ווי זי דערשטיקט דאָס, לייגט זי זיך טייקעף אוועק אפן דער פּאָדלאָגע. זי לאַכט פון פרייד, וואָס זי מעג שלאָפן, און אין א רעגע ארום שלאָפט זי שוין ווי א געהארגעטע...

וואַנקע זשוקאָוו

וואנקע זשוקאָוו, אַ נײַן־יאָריק יינגל, וועמען מע האָט מיט דרײַ כאדאָשים צוריק אָפּגעגעבן אין דער לערע צום שוסטער אליאָכינ, האָט זיך די נאַכט פון ערעוו ראָזשדעסטוואָ ניט געלייגט שלאָפן. דערוואַרט זיך ביז דער באַלעבאָס און די לערניונגען זײַנען אוועקגעגאנגען אין קלויסטער, האָט ער ארויסגענומען פונעם באַלעבאָס שאפע א פלעשעלע מיט טינט, א הענטל מיט א פארזשאווערטער פען, דערנאָך האָט ער אויסגעשפרייט פאר זיך א צעקנייטשטן בויגן פאפּיר און האָט זיך גענומען שרײַבן. איידער ער האָט אָנגעצייכנט דעם ערשטן אָס, האָט ער זיך עטלעכע מאָל דערשראָקן אומגעקוקט אף די טיר־ און פענצטער, האָט א קרומלעכן בליק געוואָרפן אף דער טונקעלער איקאָנע, וואָס פון ביידע זײַטן אירע האָבן זיך געצויגן פאָליצעס מיט קאָפּיטעס, און האָט אָנ אָפּגעריסענעם זיפץ געטאָן. דאָס פאַפּיר איז געלעגן אף דער באַנק, און אַליינ איז ער געשטאַנען פאר דער באַנק אף די קני.

„ליבער זיידע, קאָנסטאַנטינ מאקאַריטש! — האָט ער געשריבן. — און איך שרייב דיר א בריוו. א גוט־יאָנטעוו

אייך און איך חינטש דיר, גאָט זאָל דיר געבן אַלדאָס גוטס. איך האָב ניט ניט קיין טאטן, ניט קיין מאמען, דו איינער ביסט באַ מיר געבליבן".

וואנקע האָט א קוק געטאָן אפן טונקעלן פענצטער, אין וועלכן עס האָט געשווינדלט דער אָפגלאַנץ פון זיין ליכטל, און האָט זיך גלייַך פאָרגעשטעלט זיין זיידן קאָנסטאַנטין מאקאַריטשן, וואָס דינט אלס נאכטוועכטער באַ די הערן זשיוואריאָווס. דאָס איז א קליינינקער, דאַרינקער, נאָר אן אויסערגעווייגלעך זשוואָוועער און באוועגלעכער אַלטיטשקער, פון א יאָר פינפ און זעכציק, מיט א שטענדיק לאַכנדיקן פּאָנעם און מיט שיקערע אויגן. באטאָג שלאָפט ער אין קיך אָדער ער וויצלט זיך מיט די קעכנס, און באנאכט גייט ער ארום, אן אייַנגעקוטעטער אין א גערוימען טולופ, ארום דעם הויפ און קלאפט מיט זייַן קלאפער. ארויפגעלאָזט די קעפ, שפאַנען נאָך אים די אַלטע קאַשטאנקע און דער יונגער הונט וויון (מע האָט אים אזא נאָמען געגעבן איבער זיין שוואַרצן קאָליר און לאַנגן גוף, ווי בא א לאסקע). דערדאָזיקער וויון איז פול מיט אכטונג און מיט פרייַנטלעכקייט. ער קוקט אלציינס ליבלעכ־רירנדיק סייַ אפ אייגענע, סייַ אַפ פרעמדע, נאָר דאָך האָט מען ניט קיין צוטרוי צו אים. אונטער זיין געהאָרכזאמקייט און באשיידנקייט באהאַלט זיך אויס די סאַמע יעזויִטישע פארביסנקייט. קיינער קען ניט בעסער פון אים צודערצייַט זיך אונטערגאנווענען און

א כאַפּ טאָג פאַרן פוס, פאַרקלײַבן זיך אין אײַז־קעלער אַרײַן, אָ־יאָר אוועקגאַנגענע א הון בא א פויער. מע האָט אים שוין ניט אײַנמאָל אָפּגעשלאָגן די הינטערשטע פיס, אַ פּאָר מאָל אים אונטערגעהאַנגען. אלע וואָכ האָט מען אים געשמיסן ביז צום טויט, נאָר ער איז שטענדיק געקומען צו זיך.

איצט קער אוואַדע דער זיידע שטיין באַם טויער, ער שטשירעט די אויגן אף די העל־רויטע פענצטער פונעם דאָרפישן קלויסטער און וויצלט זיך מיט דער הויפ־דינערשאַפט, צוטאַפּטשענדיק דערבײַ מיט די פויסטן. זיין קלאַפּער איז צוגעבונדן צום גאַרטל. ער פּליעסקעט צו מיט די הענט, קוייטשט זיך פון קעלט, און, זקייניש כיכיקנדיק, טוט ער אלעמאָל א קניפּ דאָס שטוב־מיידל אָדער די קעכן.

— לאָמיר עפשער א שמעק טאָן טאַבעק — זאָגט ער — צוטראָגנדיק די ווײַבער זײַן טאַבעק־פושקעלע.

די ווײַבער שמעקן און ניסן, דער זיידע איז אין אויסערגעוויינלעכער היספּײַלעס, ער פאַרכלינעט זיך פון פריילעכן געלעכטער און שרײַט:

— רײַס אָפּ, עס איז צוגעפרוירן!

מע גיט א שמעק טאָן טאַבעק אויך די הינט. קאַשטאַנקע ניסט, דרייט מיט דער מאָרדע און גייט אוועק, א באַליידיקטע, אין א זײַט. וויון אָבער, פון אַכטונג וועגן, ניסט ניט און דרייט מיטן ווײדל. די לופט איז שטיל, דורכזיכטיק און פריש. די נאַכט איז פינצטער,

נאר מע זעט דאָס גאַנצע דאָרף מיט זיינע ווײַסע דע־כער און שטראָמעלעכ רויכ, וואָס גייען פונ די קוימענס. מע זעט די ביימער, באַזילבערטע מיט פראָסט־טוי, די שניי־הויפנס. דער גאַנצער הימל איז באַשאָטנ מיט פריי־לעכ־פינטלדיקע שטערנ, און דער מילכ־וועג זעט אויס אזוי קלאָר, גלייכ ווי מע וואָלט אים פאר יאָנטעוו אויס־געוואשנ און אויסגעריבנ מיט שניי.

וואַנקע האָט א זיפצ געטאָנ, איינגעטונקט די פעדער און ווײַטער געשריבנ:

„און נעכטנ האָב איכ געהאַט א שלעפעניש. דער באַלעבאָס האָט מיכ ארויסגעשלעפט פאר דער פאטלע אינ הויפ אריינ און האָט מיכ אויסגעמאָסטעט מיטנ רי־מענ דערפאר, וואָס איכ האָב געוויגט זייער יאַטל אינ דער ליולקע און בינ ניט אומיסטנ אנטשלאָפנ געווארנ, און דעם זונטיק האָט מיר די באַלעבאָסטע געהייסנ מאכנ א הערינג, און איכ האָב אָנגעהויבנ פונעמ עק, האָט זי געכאפט דעם הערינג און מיט זיינ מאָרדע מיר גענו־מענ טיטשענ אינ פּיסק אריינ. די לערניונגענ מאכנ כויזעק פונ מיר, שיקנ מיכ אינ שענק נאָכ בראָנפנ און הייסנ גאַנוועננ אוגערקעס. און דער באַלעבאָס שלאָגט מיט וואָס עס קומט אימ אונטער דער האַנט. און קיינ עסנ איז גאָר ניטאָ. אינדערפרי גיט מענ ברויט, אפ וואַרעמעס קאַשע, און אפדערנאַכט ווידער ברויט. און טיי אָדער באָרשטש, דאָס פרעסנ די באַלעבאַטים אליינ. און שלאָפנ הייסט מענ מיר אינ פירהויז. און אז זייער יאַטל

חיינס, שלאָפּ איך גאָרניט, נאָר איך וויג די ליולקע. ליבער זיידע, טו מיר א כעסעד פון גאָט, נעם מיך צו פונדאנען אהיים, אפן דאָרף. ניטאָ בא מיר קיין קויעך דערצו אינגאנצן. איך פאל צו דײַנע פיס און וועל אייביק גאָט בעטן, פיר מיך אוועק פונדאנען, אז ניט וועל איך שטארבן...

וואנקע האָט א קרום געטאָן דאָס מויל, א רײַב געטאָן מיט זײַן שווארצן פויסט די אויגן און האָט געטאָן א כליפּע.

„איך וועל דיר רײַבן טאבעק. — האָט ער ווײַטער געשריבן, — איך וועל גאָט בעטן, און אויב עפּעס וואָס, זאָלסטו מיך שמײַסן, מיך שלאָגן, ווי א הונט, און אויב דו מיינסט, קיין שטעלע איז פאר מיר ניטאָ, וועל איך מיך ראכמים בעטן באם פריקאזשטשיק שטיוול פוצן, אָדער איך וועל מיך פאר א פידפאסטעך שטעלן אנשטאָט פעדקען. זיידעניו ליבער, ניטאָ קיין קויעך מער, כאטש לייג זיך און שטארב, כ'האָב געוואָלט צופוס אין דאָרף אנטלויפן, איז האָב איך קיין שטיוול ניט. כ'האָב מוירע פארן פראָסט, און אז איך וועל אויסוואקסן א גרויסער, וועל איך פאר דערפאר־אָ דיך האָדעווען און קיינעם ניט לאָזן דיך באליידיקן, און אז דו וועסט שטארבן, וועל איך פאר דײַן נעשאָמע טפילע טאָן, אלציינס, ווי פאר דער מאמע פעלאגייע.

און מאָסקווע איז א גרויסע שטאָט, הײַזער אלע פריצישע און פערד אסאך. און קיין שאָף איז ניטאָ, און

די הינט זייַנען ניט קיין בייזע. מיט קיין שטעקן גייען דאָ קיין יינגלעך ניט, און אפן קליראס זינגען לאָזט מען קיינעם ניט. און איינמאָל האָב איך געזען אין א קלייט, אין פענצטער, פארקויפט מען הערעלעך מיט דער ווענטקע אינייגעם און אפ אלערליי פיש, וויער גוטע הערעלעך. ס'איז דאָ אפילע איין האקן אזא, וואָס ווערט אויסהאלטן א פיש פון א פוד, און כ'האָב געזען אזעלכע קלייטן פון פארשיידענע ביקסן, ווי באַם פֿאָרעץ, אזוי, אז יעדע ביקס איז אוואדע א קערבלעך הונדערט... אין די קלייטן פון פלייש איז דאָ הינער פארשיידענע און האָזן, און וו שיסט מען זיי, וועגן דעם דערציילן ניט די קלייטניקעס.

ליבער זיידע, און ווען באַם פֿאָרעץ ווערט זיין א יאָלקע מיט געשאנקען, נעם מיר א באַגילדטן נוס און באהאלט אים אין גרינעם קעסטעלע. בעט בא זיער באַרישניע אָלגע איגנאטאָוונע, זאָג, פאר וואנקען״.

וואנקע האָט צוקנדיק א זיפץ געטאָן און ווידער גענומען קוקן אין פענצטער. ער האָט זיך דערמאנט, אז נאָך א יאָלקע פאר די פריצים פלעגט שטענדיק גיין אין וואלד אריַין דער זיידע און מיטנעמען מיט זיך דאָס אייניקל. א פריילעכע צייט געווען! דער זיידע האָט געקרעכצט, און דער פראָסט האָט געקרעכצט, און, קוקנדיק אפ זיי, האָט וואנקע אויך געקרעכצט. דער שטייגער איז געווען, אז פארן אויסהאקן די יאָלקע האָט דער זיידע אויסגערויכערט א ציבעק, לאנג געשמעקט טאבעק, גע־

שפּאַסט פון וואַניושען, וואָס איז שוין איבערגעפּרווירן...
די יונגע יאָלקעס, אײַנגעהילט אין פּראָסט־טױ, שטייען אומבאַוועגלעך און וואַרטן, וועלכע פון זיי דאַרפן שטאַרבן?
פּלוצים, מע ווייסט ניט פון וואַנען, פליט דורך א האָז פייל אויסן בויגן איבער די הויפנס שניי... דער זיידע קאָן ניט שווייגן, ער מוז א געשריי טאָן:

— האַלט, האַלט... האַלט! אַך, דו שיווּל אָן אַן עק!

די אויסגעהאַקטע יאָלקע האָט דער זיידע געשלעפּט אין פּריצישן הויז, און דאָרט האָט מען זיך גענומען זי באַפּוצן. מער פון אַלעמען האָט אַרום דער יאָלקע געהאָרעוועט די באַרישניע אָלגע איגנאַטיעוונע, וואַנקעס ליבלינג. ווען עס האָט נאָך געלעבט וואַנקעס מאַמע פּעלאַגייע, וועלכע האָט געדינט באַם פּאָרעצ פאר א שטובדינסט, האָט אָלגע איגנאַטיעוונע געהאַדעוועט וואַנקען מיט צוקערקעס און, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָט זי אים אויסגעלערנט לייענען, שרייבן, ציילן ביז הונדערט און אַפילו טאַנצן קאַדריל. אָבער ווען פּעלאַגייע איז געשטאָרבן, האָט מען דעם יתומ וואַנקען מעשאַלייעך געווען אין קיך, און פון דער קיך קיין מאָסקווע, צום שיסטער אַליאַכין. „קום צו פאָרן, ליבער זיידע,— האָט וואַנקע ווײַטער געשריבן.— איך בעט דיך בא גאָט, נעם מיך צו פונדאַנען. האָב דו ראַכמאָנעס אף מיר, אף דעם אומגליקלעכן יאָסעם, וואָרום אַלע שלאָגן מיך, און עסן ווילט זיך א שרעק. און דאָס נודנעסט איז אַזוי גרויס, אַז ס'איז ניט איבערצוגעבן אַפילו. איך האַלט

אין איין וויינען. און אנומלט האָט דער באַלעבאָס מיר דערלאַנגט מיט א קאָפּיט איבערן קאָפּ, אז איך בין אומגעפאלן און קוים זיך ספּאַמיענטעט. פאַרפאַלן איז מיין לעבן, ערגער פונעם ערגסטן הונט...

און נאָך גרים איך אַליינען, דעם קרומען יעגאָרקען און דעם קוטשער, און די האַרמאָניע מיינע גיב קיינעם ניט איועק. איך פאַרבלייב דיין אייניקל איוואַן זשוקאָוו. ליבער זיידע, קום צופאָרן״.

וואנקע האָט צונויפגעלייגט דעם פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר אינפירן און האָט אים אריינגעלייגט אין א קאָנווערט, וואָס ער האָט נעכטן געקויפט פאַר א קאָפּקע. ער האָט א ווײַלע געטראכט, דערנאָך איינגעטונקט די פּען און אָנגעשריבן דעם אַדרעס:

אין דאָרף אריין דעם זיידן

דערנאָך האָט ער זיך א קראַץ געטאָן, באַטראַכט זיך און צוגעגעבן: „קאָנסטאַנטין מאַקאַריטשן״. א צופרידענער, וואָס מע האָט אים ניט געשטערט שרייבן, האָט ער אָנגעטאָן דאָס היטל און, אָן דעם פעלצל, אזוי אין איין העמדל, איז ער ארויסגעלאָפן אף דער גאַס...

ער האָט זיך נאָך נעכטן אָנגעפרעגט בא די מאַרקויסערס אין דער פליישיקלייט, און זיי האָבן אים געזאָגט, אז בריוו לאָזט מען אראָפּ אין בריוו־קעסטלעך. און פון די קעסטלעך צעפירט מען זיי איבער דער גאַנצער וועלט

אין פּאָסט־װעגענער געשפּאַנטע מיט דרײַ פֿערד, מיט שיקערע פֿורמאַנעס און קלינגענדיקע גלעקלעך. װאַנקע איז צוגעלאָפֿן צום ערשטן פּאָסט־קעסטל און האָט אַרײַנגערוקט דעם װערטפֿולן בריװ אינעם שפּאַלט...

פֿאַרװיגט פֿון זיסע האָפֿענונגען, איז ער אין אַ שעה אַרום שטאַרק געשלאָפֿן. אים האָט זיך געחלומט אַן אױװן, אױפֿן אױװן זיצט דער זיידע, אַראָפּגעלאָזט די באָרװעסע פֿיס, און לייענט דעם בריװ פֿאַר די קעכנס... לעבן אױװן גייט אַרום װיון און דרייט מיטן װיידל...

1896 יאָר